№ 23 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. | פּינפטער יאָהרגאַנג. | פּרייז 20 גראָשען | „CZĘSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פּרייז:
פאַר א מילימעטער שורה
פאַר ן טעקסט 24 גראָשען   נאָכ'ן טעקסט 18 גראָשען.
אין טעקסט 60 גראָשען.
פאַר'ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעד. נישט פעראַנטוואָרטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז
א נומער 20 גראָשען.
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Piątek, dnia 28 maja 1926 | ליכט צינדען 7 מיט 25 | פרייטאג פ' בהעלותך ט"ו סיון תרפ"ו.

זונטאג דעם 30 מאַי 1926, 3 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל, אַגראַדאָווא 12

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער געז. „לינת הצדק"

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פאָרזיצענדען פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, 3) בעריכט פאַר'ן יאָהר 1925, 4) בודזשעט פאַר'ן יאָהר 1962, 5) וואַהלען פון 4 פערוואַלטונגס - מיטגלידער אויפ'ן אָרט פון די אַרויסגעטרעטענע לויט'ן סטאַטוט, 6) פרייע פאָרשלאַגען.

אויב אין ערשטען טערמין וועט נישט זיין אנוועזענד קיין גענוגענדע צאָהל מיטגלידער לויט'ן געזעץ וועט די פערזאַמלונג פאָרקומען אין צווייטען טערמין 5 א זייגער נ"מ דעם זעלבען טאָג און אָרט, און וועט זיין גילטיג בייַ יעדע צאָהל אנוועזענדע מיטגלידער.

בעמערקונג: קיין בעזונדערע איינלאַדונגען וועלען נישט אַרויסגעשיקט. — אַלע מיטגלידער וועלען געבעטען אויפמערקזאַם צו זיין אנוועזענד.

דער ניי-ערעפנעטער פריזיר-אַנשטאַלט
„SANITAS", Częstochowa, Aleja № 7, Telefon № 74.
עמפפעהלט זיך צו אַלעראַרט פריזיר-אַרבייט.
ספּעציעלע סאַלאָנען פאַר פרויען און הערען. איינגעאָרדענט מיט'ן גרעסטען קאָמפאָרט און נייעסטע איינריכטונגען.
עלעקטרישע מעסאַזשען און מאַניקורע אויסגעפיהרט דורך ספּעציאַליסטען. אָנדולאַציע, פאַרבען די האָר אא"וו.
לייטונג: ל. ברזעזשינסקי.

בעריכט

פון דער געז. „לינת הצדק" אין טשענסט.

פאַר'ן יאָהר 1925.

די פערוואַלטונג: פרעזעס: י. ב. מייטליס, וויצע פרעזעס: נאַטאַן גריקלער, סעקרעטאַר: דוד מאַרקאָוויטש, קאַסירער: בעריש זשעריקער, ווירטשאַפטער: מרדכי סודזשימיטש, מיטגלידער: אברהם העמבורגער, ח. גרונדמאַן, ל. כאַינאַצקי, ע. פאָניאַק, י. מ. קרעלל, מ. ראָזענצווייג און א. יורקיעוויטש.

בעריכט פון דער טעטיגקייט.

מעדיצינישע הילף אין אמבולאַטאָריום האָבען בעקומען 3400 קראַנקע און אין דער היים דורכ'ן דאָקטאָר 450 קראַנקע, אָפּעראַציעס דורך פעלדשער 650 קראַנקע.

עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען: 10 ק"ג צוקער, 2 ק"ג טהעע, 15 ק"ג פוטער און 136 אייער, אויך 15 בוטעלקעס ווינער. בעזונדער איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פערשיעדענע איטענזיליען ווי: וואַנעס, גומי-קישעלעך, אייז-בלאַזען, באַסענען א. אנד.

משמורים ביי 60 קראַנקע פון וועלכע 50 האָבען בעצאָהלט די מיטגלידער און פאַר 10 האָט די געז. בעצאָהלט.

אויך איז ערטיילט געוואָרען מעדיצינישע הילף געגען קוויטלעך פון לינת הצדק דורך דעקטוירים ספּעציאַליסטען ווי: ד"ר וואַרשאַוויאַק, ד"ר באַטאַוויאַ, ד"ר מאַרטשעוסקי און ד"ר ראָזען. אויך בייַ די ה"ה דענטיסטען: פרץ און בראָניאַטאָווסקי, וועלכע האָבען אויך פיעל וויזיטען ערטיילט גאַנץ אומזיסט, פאַר וואָס מיר דאַנקען זיי הערצליך אין נאָמען פון די קראַנקע.

עס איז וויכטיג צו בעמערקען אז צוליעב דעם וואָס די גמינע האָט דער געזעלשאַפט אויסגעצאָהלט נאָר א קליינעם טייל פון דעם פעסטגעשטעלטען סובסידיום פאַר'ן יאָהר 1925, איז די געז. געצוואונגען געווען שטאַרק צו בעגרענצען דאָס אַרויסגעבען נאַהרונג פאַר קראַנקע צום גרויסען בעדויערען פון די אָרימע קראַנקע.

קאַסע-בעריכט.

אײנקונפטען		אויסגאַבען	
קאַסע-בעשטאַנד דעם 1/I 1925	1496 86	מעדיקאַמענטען פאַר'ן אַמבול.	944 55
פון מיטגלידער-בייטראַג	4025 91	בעצאָהלט ד"ר וואָלאָווסקי	130 —
נדבות פון פורים-קאַרטען	324 35	" " קאָנאַרסקי	1667 50
" " ר"ח "	279 —	" " באַטאַוויא	5 —
" " חנוכה "	120 85	" " לעווקאָוויטש	21 —
נדבה פון פרוי לאַנדא	300 —	" פעלדשער פישמאַן	976 —
פון חתונות און ברית'ן	634 14	" מיטלער	5 —
" קערות עיו"כ	116 48	" ווינער	171 —
" נדרים	219 36	אונטערשטיצונגען אין געלט	101 —
" צוצאָהלונגען צו אַרצטליכע		פאַר ברוך-גאַרטלען	55 25
קוויטלעך	36 95	" איטענזיליען פאַר קראַנקע	46 95
אומבעשטענדיגע אײנקונפטען	386 55	" מילך " "	173 60
פון דער גמינע אַקאָנטא		" מעדיצינען אין די אַפּטייקען	679 69
סובסידיום	330 —	" משמורים ביי קראַנקע	22 —
רעסטאָר-חוב פון ה' ראָטהאָלץ	150 —	" פערשידענע נאָהרונגס-	
אַקאָנטאָ פריהעריגען חוב		פראָדוקטען	91 32
פון ה' ראָטהאָלץ	15 —	פראָוויזיע דעם אינקאַסענט	1181 91
		פענסיע דעם פערסאָנאַל	1255 —
		נעכאָרגט ה' ראָטהאָלץ	150 —
		בעצאָהלט פאַר קיהלען	26 30
		" " בעלייכטונג	35 91
		" שטייערן	59 55
		" דירה-געלד	261 69
		" פאַר שרייב-מאַטער-	
		יאַלען און אַנאָנסען	199 80
		קליינע אויסגאַבען ווי:	
		רוימען א"א	63 40
		בעאַר אין קאַסע	112 03
	8435,45 זל.		8435,45 זל.

בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1926.

הכנסה		הוצאה	
קאַסע-בעשטאַנד	112 —	דאָקטוירים	2500 —
סובסידיום פון דער גמינע	2864 —	פעלדשערס	1150 —
נדרים ונדבות	1324 —	מעדיקאַמענטען	1500 —
מיטגלידער-בייטראַג	4000 —	מעדיצינען אין אַפּטייקען	1000 —
אונפאָראויסגעזעהענע		מילך	300 —
אײנקונפטען	350 —	ביוראָ-קאָסטען	600 —
		פענסיעס	1250 —
		ברוך-גאַרטלען	100 —
		אונטערשטיצונגען אין געלט	100 —
		משמורים ביי קראַנקע	150 —
	8650 — זל.		8650 — זל.

בילאַנס

אַקטיוו.

קאַסע	112 03
אַמבולאַטאָריום	1800 —
מעדיצינישע איטענסיליען	395 15
ביוראָ	320 —
חוב ביי דער גמינע	1865 —
" " ה' ראָטהאָלץ	35 —
	4527 18 זל.

אונזערע געעהרטע לאַנדסלייט אין ניו-יאָרק

די הייַטער אויסגערעכענטע הערען וואָס האָבען מנדב געווען זייערע נדבות פאַר אונזער תלמוד תורה „מחזיקי הדת" וועלכע די ה"ה ישעי' אלעזר זילבער און שלמה וואָלקאָוויטש האָבען געזאַמעלט און אַריינגעשיקט אונזער קאַסירער ה' יעקב הירש פייערמאַן לויט פאָלגענדער ליסטע: דזאָלאָשינער חבריה 5 דאָלאַר, די ה"ה לעאָן עהרליך, ישראל זינגאָס, אבא ראָטנער צו 5 דאָלאַר; נח ם קאָט 4 דאָלאַר; בערנאַרד ושעלינסקי, מאיר יונה ליטמאַן צו 3 דאָלאַר; לייביש וואָלקאָוויטש, דאַוו שניידער, גוטמאַן וואָלקאָוויטש, חנני' שטער צו 2 דאָלאַר; לייביל פעלטא, יואל שטיינהויז, וואָלף שטייער, משה סטאַחסקי, בענדיל פעלטא, יודעל וואַצלאַווסקי, ישראל בראַנדעס, אברהם ווייסבלום, בערנאַרד אוירלאָוויטש צו 1 דאָלאַר; משה ליקער, בעריל ווייסבערג, אבא נאַכטיגאַל, נחום סאַנדוער, יודעל גערבער, יצחק דימאַנט צו 50 סענט. צוזאַמען 50 דאָלאַר. אויך האָבען מיר ערהאַלטען 16 דאָלאַר פון ה' משה אהרן יאַקובאָוויטש וואָס ער האָט געזאַמעלט און אַיינגעשיקט צו ה' מענדיל קליינער וועלכער האָט דאָס אונז איבערגעגעבען, פאַר וועלכע מיר דריקען אויס אונזער הערצליכסטען דאַנק די געעהרטע מנדבים און די געשעצטע זאַמלער יזאָס שטעהען אויף דער וואַך פון צייט צו צייט צו שיקען הילף פאַר אונזערע אָרימע קינדער.

די פערוואַלטונג פון תלמוד תורה מחזיקי הדת אין טשענסטאָכאָוו.

טעאַטער „אָדעאָן" אַלעע 27

עקראַן און סצענע צוזאַמען! | — | אויפ'ן עקראַן:

SAMOTNE ŻONY

אויפערגעוועהנליכע לעבענס-דראַמא אין 8 אַקטען.
אין די הויפט-ראָלען צוויי מעכטיגע פילם-שטערען:
קאָרינא גריפיט און מילטאָן סילס
איבער'ן פראָגראַם
פון דער גאַנצער וועלט. —
פאַטהע - איבערזיכט. —
— און —
ווזו לאָנדאָן וועקט זיך.
אויף דער סצענע:
לודוויק לודוויקאָווסקי
קעניג פון די פוילישע הומאָריסטען.
מ ע ס ס א ל י נ י
אימיטאַציע פון פרויען-געזאַנג.
אין זייערע לעצטע געזאַנגס - אויפטריטען.
שבת אָנפאַנג 4½ נ"מ.

אַנטי-סעפּטיש, קאָסמעטיש הויז-מיטעל
א הויז אַנדערע מעלות בעווייזט דעם נישט אַנגענעהמען ריח פון מויל, רייניגט אַב די הויט נאָכ'ן ראַזירען, אונ בעדינט גוטיך פאַר ספאָרט-לייט, אויף דער רייזע או"וו.

Przezorna gospodyni używa tylko mydła „Jeleń-Schicht"
Tanie przez swą wydajność

TANIE-TRWAŁE-ELEGANCKIE
dla codziennego użytku, gimnastyki i plaży.
OBUWIE
LUDOWE „PEPEGE"
SPORTOWE „PEPEGE"
TENISOWE „PEPEGE"
„PEPEGE" POLSKI PRZEMYSŁ GUMOWY Tow. Akc. w GRUDZIĄDZU.

[illegible]

Szkoła Rzemiosł dla Żydów
w Częstochowie
podaje do wiadomości, że przyjmuje zapisy na rok szkolny 1926/27 od d. 15. maja b. r.
Rok szkolny rozpoczyna się z dniem 25 sierpnia.
Warsztaty szkolne wykonywują wszelkie roboty wchodzące w zakres stolarstwa i ślusarstwa, prędko, solidnie i po cenach przystępnych.

נאך דער „אוגאדא".

אין אונזער שטאָדטישען יודישען וועלטעל איז, ווי בעקאנט, מיט א קורצע צײַט צוריק געקומען צו א פערשטענדיגונג, אָבער ווי מען רופט דאס לעצטענס — „אוגאַדאַ".

בײַדע יודישע פערשטעהערשאַפטען— דער קהלה־ראט און די קהלה־פערוואלטונג—האבען זיינט זייער אנטשטעהונג געפיהרט צווישען זיך א העפטיגען קאַמף, נישט קענענדיג זיך אויסגלײַכען וועגען די אויפגאבען און די קאָמפעטענצען וועלכע עס געהערען צום ראט און וועלכע צו דער פערוואלטונג. די דאזיגע אינערליכע ארופרײַסעניש'ען וואס האבען געשטערט דעם נאָרמאלען גאַנג פון דער קהלה - ווירטשאפט, האבען זיך אָבער ענדליך שלעכט אָבגעבראָכען אויף בײַדע צדדים, וועלכע זענען שוין געוואָרען מיהד און ערשעפט, און בײַדע זענען געקומען צו דער איבערצײַגונג אז זיי מוזען אומבעדינגט זײַן נאָכגיביג אויף אַזויפיל וויפיעל עס איז נויטיג פאר דער געמיינזאמער צוזאמענארבײַט און קהלה'שען ווירטשאפטליכען לעבען.

און די „פערשטענדיגונג" איז געקומען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען אויפצונײַ זיך צו אָרגאניזירען, צו שאַפען געמישטע קאָמיסיעס פון ראט מיט דער פערוואלטונג פאר אלע צווײַגען פון דער קהלה'שער ווירטשאפט, וועלכע זאלען מיט א פריידליכער האַרמאָניע צוזאמען ארבײַטען אויף אלע געביטען.

דער ראט האט שוין צוליעב דעם אפילו נישט בעטראַכט דעם בודזשעט־פּראָיעקט פון דער פערוואלטונג, נאר איהם אנגענומען אן־בלאָק, נישט וועלענדיג מעהר בעריהרען דאס געוועזענע, און איבערלאָזען די גאנצע ענערגיע פאר דער פרישער נײַער ארבײַט.

און מיר האבען נעהמיס געהאט דאס פולע רעכט צו גלויבען אז די דאזיגע „אוגאַדאַ" וועט ווירקליך דערפיהרען דערצו אז די קהלה־ארבײַט זאל איצט נעהמען א נאָרמאלען און רעגעלמעסיגען, אז אלע שטאָדטישע אנשטאלטען וואלטען ווי געהעריג פערוואלטעט און געפלעגט ווערען, און איבעראל וועט הערשען די בעסטע אָרדנונג.

דערווײַל איז אָבער שוין א געוויסע צײַט אוועק און צו קײַן קאָנקרעטע מעשים איז מען נישט צוגעטרעטען. קײַן פּספּוקים צווישען ראט מיט דער פערוואלטונג קומען אמת נישט פאר, אָבער דאס איז בלויז דערפאר ווײַל עס קומען בכלל קײַן זיצונגען פון ראט נישט פאר און ממילא קען צו קײַן רײַבונגען נישט קומען.

עס איז דאך אָבער זעלבסטפערשטענדליך דאס דער צוועק פון דער פערשטענדיגונג איז נישט געווען אז דער ראט זאל זיצען אין דער היים, נאר אז ער זאל גענויגט. אז ער זאל צוגעצויגען ווערען צו דער קהלה־ארבײַט אין איהר גאנצען פערנעהם, און זאל זיך בעטײַליגען אין אלע צווײַגען פון דער ווירטשאפטליכער ארבײַט.

עס וועט דאך קײַנער נישט לייקענען אז פיעל געביטען פון דער קהלה־ווירטשאפט וואָלטען אבגעלאָזען און פערנאכלעסיגט, און ס'איז נויטיג וואס שנעלער צו אָרגאניזירען א רעגעלמעסיגע טעטיגקײַט צו בעזײַטיגען די ביז־יעצטיגע פעהלערן און זעהען אז אלץ זאל גוט געפיהרט ווערען און ווי געהעריג פונקציאָנירען.

דער פּרעזידיום פון ראט און פון דער פערוואלטונג דארפען זיך אומבעדינגט פערשטענדיגען, און זעהען וואס שנעלער צונויפצורופען א פּלענאר־זיצונג פון בײַדע קערפּערשאַפטען, אויף וועלכער עס זאלען אויסגעוועהלט ווערען די ענטשפּרעכענדע קאָמיסיעס פאר אלע צווײַגען פון דער קהלה'שער ווירטשאפט וועלכע וועלען באלד צוטרעטען צו דער ארבײַט, און אובערהויפּט זעהען אז די שטאָדטישע אינסטיטוציעס זאלען ווי געהעריג געפלעגט און פערוואלטעט ווערען און וועלען ברענגען פאר דער היגער יודישער בעפעלקערונג דעם צוועק און ציעל צו וועלכען זיי זענען געשאפען געוואָרען.

י. פּ.

פון דער וואך.

— די נאַציאָנאַל - פערזאמלונג פון אלע סײַם-דעפּוטאטען און סענאַטאָרען וועלכע דארף אויסצוועהלען א מלוכה־פרעזידענט קומט פאר מאנטאג דעם 31 מאי אין ווארשא, און עס זענען מיט 8 טעג פריהער ארויסגעשיקט געוואָרען טעלעגראַפישע אײַנלאַדונגען צו אלע מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל־פערזאמלונג. מארשאל פּילסודסקי האט ענדליך מסכים געווען אז זײַן קאנדידאטור אלס מלוכה - פרעזידענט זאל ארויסגעשטעלט ווערען, און מען זאגט אז פון אלע קאנדידאטען האט פּילסודסקי די גרעסטע שאנסען אויסגעוועהלט צו ווערען.

— פון ווארשא איז מען מודיע אז אין צאָל־קאַבינעט בײַם האנדעלס־מיניסטעריום קומען פאר בעראטונגען וועגען אײַנפיהרען א נײַעם צאָל־טאריף. אין די בעראטונגען נעמען אנטײל פאַרשטעהער פון דער גרויס - אינדוסטריע און גרויס־האנדעל.

— די ענגליש - פּוילישע באנק אין ווארשא האט בעקומען א דעפּעשע פון לאָנדאָן אז עס זענען דאָרט בעשלאָסען געוואָרען בעדײַטענדע קרעדיטען פאר דער פּוילישער צוקער־אינדוסטריע און ח״ץ דעם וועט דאס ענגלישע קאַפּיטאל אנערקענט אויך בעדײַטענדע קרעדיטען פאר צוויי גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעהמונגען. די דאזיגע ידיעה ווײַזט אַם בעסטען אז די לעצטע געשעהעניש'ען אין ווארשא האבען נישט פערקלענערט אין אויסלאנד דעם גלויבען אין פּוילישען ווירטשאפטליכען לעבען.

— אײַניגע רעכטע דעפּוטאטען האָבען בעשלאָסען ארײַנצוטראָגען אין סײַם א דרינגענדען פּאָרשלאג אז קײַנער פון די איצטיגע דעפּוטאטען זאל נישט מעהר אויפגעשטעלט ווערען אין נײַעם סײַם. עס איז קלאָר אז דער פּאָרשלאג טראָגט בלויז א רעקלאַמע־פּראַקטישען כאראקטער און האט נישט קײַן שום שאנסען דורכצוגעהן, ווײַל די סײַם-דעפּוטאטען וועלען נעהמען פאר אזא פּאָרשלאג נישט שטימען, און נישט וועלען ארויסטראָגען אויף זיך אזא אורטײַל.

— פון 15 מאי ביז'ן 15 אקטאָבער וועלען די קור גאסט געניסען פון א הנחה אויף די באהנען אין דער גרויס פון 66 פּראצענט וועלכע זײַ וועלען בעקומען אָבגערעכענט בעת'ן צוריקקעהר פון די קור - ערטער. די הנחה וועט געגעבען נאר מיט'ן בעדינג אויב זײַ וועלען אין די קור־ערטער פערברענגען נישט ווייניגער ווי 14 טעג, און אויב דער מרחק איז ווײַטער פון 100 קילאָמעטער.

— פיעל רעזערוויסטען בעקומען לעצטענ'ס מאָביליזאציע - קארטען פון פ. ק. אי. צוליעב וואס ער איז חיובטינג צו ערקלערען אז דער פאקט פון בעקומען אזא קארטע איז נישט קײַן בעווײַז אז דער בעטרעפענדער רעזערוויסט וועט באלד גערופען. די קארטען ווערען בלויז פינגירט־געשיקט אין צוזאמענהאנג מיט דער אקציע וואס ווערט שוין פון לאנג אײַנגעפיהרט צו בעשטימען פאר אלע רעזערוויסטען א דינסט - אָרט אין פאל פון א מלחמה.

— דער נײַער פינאנץ - מיניסטער האט ארויסגעשיקט צו אלע שטײַער־אמטען און פּ.א.ק.־קאמערן א צירקולאר צוצוטרעטען גלײַך צו א פערשטארקטער עקזעקוטיווע בײַם אײַנמאַנען די שטײַערן, איבערהויפּט דעם אבראטאט - שטײַער פאר'ן צווײַטען האלבען יאהר 1925, און אז בעת'ן אײַנמאַנען די שטײַערן זאל די גרעסטע אכט געלעגט ווערען אויף די עקאָנאָמיש - שטארקערע צאהלער, איבערהויפּט אויף הענדלער מיט ארטיקלען פון ערשטען געברויך וועמ'ן ס'בליבט שטענדיג אײַן קאסע־געלד, און זענען בכח דעם שטײַער צו בעצאהלען.

— דער לעגאַטיאָנס־ראט פון דער פּוילישער געזאנדשאפט אין דײַטשלאנד גיט איבער אז די פּויליש - דײַטשע האנדעלס-אונטערהאנדלונגען געפינען זיך אויף א גוטען וועג און די קומענדע וואך וועלען זײַ ווײַדער בעגינט ווערען.

וואס הערט זיך אין דער יודישער וועלט?

— עס ווערען געמאכט די נויטיגע פּערבערײַטונגען צו דעם וועלט־קאָנגרעס פאר וואנדערונג וואס ווערט אינגיכען צונויפגערופען קײַן לאנדאן. די הסתדרות העובדים הכללית וועט זײַן אָפיציעל פערטרעטען אויפ'ן קאָנגרעס, און די ציוניסטישע וועלט - אָרגאניזאציע וועט שיקען א ספּעציעלען פערשטעהער. אויך וועט אנטײל נעמען אין קאָנגרעס דער פערטרעטער פון יודישען פערבאנד פאר פרויען־שוץ, וועלכער וועט רעפּרעזענטירען די אינטערנאציאָנאלע קאָנפערענץ פון פּריוואטע אָרגאניזאציעס פאר עמיגראנטען־שוץ.

— דאס אויסערן־מיניסטעריום מעלדעט אז כדי לײַכטער צו מאכען פאר דער יודישער יוגענד צו פאהרען שטודירען אין טעכניקום אין חיפה, וועלען די סטודענטען פון דעם דאזיגען טעכניקום וואס זענען פּוילישע בירגער, קענען בעקומען אדמיסיעס פון מיליטער־דינסט.

— אין צוזאמענהאנג מיט דער נישט־געלונגענער מלוכה - איבערקערעניש פון די רעכטע אָרגאניזאציעס אין דײַטשלאנד, וועלכע איז לעצטענ'ס אנטדעקט געוואָרען אין בערלין, זענען, ווי בעקאנט, ארעסטירט געוואָרען פיעל אנפיהרער פון די רעכטע פארטײַען בײַ וועלכע מען האט געפונען פּלענער אויך געפונען דאקומענטען וואס פלאַנען צו קאָנפיסקירען דאס פערמעגען פון אלע יודען וואס וואוינען אין דײַטשלאנד לטובת דער מלוכה, און פאר'ן פערבאָרגען דאס יודישע פערמעגען האט געדראָהט טויט־שטראַף. פון די דאקומענטען איז צו זעהען אז אין אָנהויב האבען זײַ געפּלאנט איבערצופיהרען אלע רײַכע יודען אין ספּעציעלע קאָנצענטראציאָנס - לאַגערן אלס געפאנגענע. אין דער לעצטער מינוט האבען זײַ זיך אָבער בערעכענט אז דאס איז נישט דורכפיהרבאר, און האָבען זיך דעריבער בעגנוגענט געלאָזען בלויז מיט'ן קאָנפיסקירען דאס יודישע פערמעגען. א דאנק דעם וואס די געהײַמע אָרגאניזאציע איז ענטדעקט געוואָרען, זענען זײַערע מערדערישע פּלענער צושטערט געוואָרען.

— דער ניו - יאָרקער גובערנאטאָר וועלכער האט פערעפענטליכט א בריף צו דער בעפעלקערונג פון ניו־יאָרק שטאַאט אונטערצושטיצען דעם 15 מיליאָן־דאלאר־זאמלונג פון „דזשאינט", האט לעצטענ'ס צוגעשיקט צו דער ניו־יאָרקער דזשאינט - ביוראָ א טשעק אויף 200 דאָלאר צוזאמען מיט א סימפּאטישען בריעף פאר דער דאָזיגער זאמלונג.

— פון ווילנא ווערט מיטגעטײַלט אז דאס דאָרטיגע שול - קוראטאָריום האט גענומען בעשטעטיגען די שריפטליכע עקזאמענס אין די יודישע שולען אויף די טעג פון שבועות, און ווען די שול־דירעקציעס האבען זיך געווענדעט צום קוראטאָריום מיט א ביטע איבערצורוקען דעם טערמין פון די עקזאמענ'ס אויף נאך שבועות, האט דאס קוראַטאָריום ענטזאָגט. דער סענאטאָר רובינשטײַן האט זיך דעריבער וועגען דעם געווענדעט טעלעגראַפיש צום בילדונגס - מיניסטעריום, און אין דער לעצטער מינוט איז פון מיניסטעריום געקומען א פּעראָרדנונג אָבצולעגען די עקזאמענס אין די יודישע שולען אויף א וואכען־טאג.

— דער „ועד לאומי" אין ירושלים האט בעשלאָסען צו שיקען צום פעלקער בונד אין גענף א מעמאָראנדום וואס זאל צוגעשטעלט ווערען צו דער יוני־זיצונג, אין וועלכען ס'ווערען ארויסגעזאגט די שווערע אנקלאגען וואס אין פאָריגען מעמאָראנדום, נעמליך: אז די שטאָט־הכנסות אין ארץ־ישראל ווערען פערבראוכט נאר פאר'ן גרינדען און אויפהאלטען די אראבישע שולען, בעת פאר'ן יודישען שול - וועזען טוט מען נישט, און פאַרגען די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אלײַן, אויך דאס וואס דער רעגירונגס־באָדען אין א״י איז ביז אהער אָפּגעגעבען געוואָרען בלויז פאר אראבער, און יודען האבען פון איהם גארנישט בעקומען.

— פון ירושלים ווערט מיטגעטײַלט אז בעת די אויסגראבונגען וואס ווערען געמאכט 8 קילאָמעטער הינטער דער שטאָט וואו עס איז לויט דער השערה געשטאנען דאס אָרט „מצפּה" וואס ווערט דערמאָנט אין תנ"ך האט מען ענטדעקט רעשטען פון א פעסטונג און א סך געגענשטאנדען וואס זענען אלט 5000 יאהר, ווי אויך אַנדערע זאכען וואס שטאמען נאך פון די צײַטען פון בית־ראשון.

פון דער וועלט.

צו זענען פערהאַן לעבעדיגע בעשעפעניש'ען אויך אויף אנדערע פּלאנעטען?

שוין יאהרען מיט יאהרען ווי די געלעהרטע פון דער גאנצער וועלט ווערען זיך נישט מיד צו פערנעהמען זיך מיט דער פראגע, צו איז פאַרהאן אָרגאניש לעבען אויך אויף אנדערע פּלאַנעטען?

געלעהרטע האבען, למשל, בעמערקט, אז דער פּלאנעט מארס איז אָרומגערינגעלט פון א ענליכער אטמאספערע ווי אונזער ערד, ד. ה. עס איז דאָרט פאַרהאן לופט, און דאס האבען מיר א כלל, אז וואו ס'איז פאַרהאן לופט, מוז זיך אויך געפינען לעבען.

און עס האט א בעריהמטער אמעריקאנישער אסטראָנאָם א געוויסער מילטאָן געהאלטען א לעקציע פאר אסך געלעהרטע, וועגען דער דאזיגער פראגע וואס ער האט בעוויזען, אז אויך אנדערע פּלאנעטען מוזען זײַן בעוואוינט פון לעבעדיגע בעשעפעניש'ען.

עס איז אײַנע פון די דערגרײכונגען פון דער נײַעסטער וויסענשאפט, האט דער געלעהרטער געזאגט, וואס זי האט אויסגעפינען, אז אלע היממעל־קערפּער אנהויבענדיג פון די ריזיגע זונען ביז צו די קלײַנסטע פּלאנעטלעך זענען אונטערגעוואָרפען דעם געזעץ פון געבורט און טויט.

דער געדאנק, אז שטערען ווערען געבוירען, ענטוויקלען זיך, עלטערען זיך און ווערען אויסגעלאָשען, צו צוליב פערשידענע קאָסמישע קאַטאסטראָפען, צו צוליב אנדערע סבות. עס דער געדאנק איז היינט שוין א אנגענומענער כלל אין אונזער וויסענשאפט.

די אסטראָנאָמיע פון דער נײַעסטער צײַט האט בעוויזען, אז אלע שטערען, פּונקט אזוי ווי אונזער ערד, ווערען ארומגערינגעלט פון א סך אנדערע פּלאנעטען. מיר קענען דרײַסט אננעמען, אז אויף די אלע פּלאַנעטען געפינט זיך א אָרגאניש לעבען. מיר ווייסען נאר נישט פארוואס מינים בעשעפעניש'ען דאָרט געפינען זיך ווי זײַ זעהען אויס, ווײַל אונזער פאנטאזיע איז נישט בכוח זיך אויסצומאָלען אנדערע בעשעפעניש'ען ווי מיר זעהען דאָ אויף אונזער וועלט.

די נײַעסטע פערשונגען האבען אויסגעפונען לעת־עתה, נאר אויף צוויי פּלאנעטען אטמאָספערישע בעדינגונגען וואס מאכען מעגליך א אָרגאניש לעבען, אָבער פּראָפ. מילטאָן ווײַזט אז לויט זײַן השערה זענען ביז 100 מיליאָן פּלאנעטען בעוואוינט פון לעבעדיגע בעשעפעניש'ען.

פערשידענע גוטע ווײַנען
צו מעסיגע פרײַזען
ווי אויך א ספּעציעלער ווערט
ווײַן אויף קידוש
נאר פאר. 1 זלאָטי א פלאַש
א האלבע פלאַש 60 גראָשען
צו בעקומען אין דער ווײַן־פאבריק פון
שמואל גאלד
ווארשאווער 11
וואוינונג סטראָזשאצקע 14.

דעם רב'ס אייניקעל. (20

א היסטאָרישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין פּוילען און אוקראינע אינ'ם 17־טען יאָהרהונדערט, די צײַט פון באָגדאַן כמיעלניצקי. לויט ג. באגראוו.

פון י. געלזאהן.

(פאָרזעצונג).

21.

צדיק האט געעפענט די טיער, און באלד איז ארײַנגעקומען זײַן פרוי, וועלכע איז צוגעלאָפען צום רב, אָנגענומען זײַן האנד און זי געקושט, זאָגענדיג:

ענטשולדיגט מײַן טײַערער רבי, מײַן מאַן דעם גרוביאן, דו ווײסט דאך אז דאס איז א בהמה, אהן שום מענשליכען פערשטאנד. א גאנצען טאג האט ער מיר נישט דערצעהלט וועגען דאס איהר האט איהם גערופען צו זיך, ער האט מיך גענאַרט. ערשט יעצט ווען איך האב זיך פון איהם דערוואוסט וועגען אײַער אומגליק, בין איך מיטגעקומען מיט איהם, מאכט אײַך גרײַט און פאהרט שוין אב, איך וועל אויף קײַן זאך נישט קוקען. לאָז זײַן וואס עס וויל, איהר האט פאר מיר אײַנגעשטעלט אײַער לעבען, טאר איך זיך פאר קײַן זאך נישט אָבשטעלען. הערסט, צדיק — האט זי געזאגט זיך ווענדענדיג צום מאן — דו זאלסט טרײַבען די פערד ווי שנעל דו וועסט נאר קענען, אויב זײַ וועלען פאלען וועט מען קויפען אנדערע. אײַלט צו און פאהרט אָב אין גאָטעס נאָמען.

דער רב מיט זײַן פרוי זענען געזעסען ערשטוינט פון דער פּלוצלינגער ענדערונג, און זײַ האבען זײַערע אויערען נישט געגלויבט.

דו שמײַכעלסט, רבי. — האט די פרוי צוגעגעבען — דו ביזט בײַז אויף מײַן מאן, דו ביזט גערעכט, אָבער דו זאלסט נישט מײנען אז ער האט שוין פערגעסען די גרויסע טובה וואס דו האסט איהם געטהון, ער האט בלויז נישט פערשטאנען די וויכטיגקײַט פון דער זאך, און ווי איך האב איהם דאס גוט ערקלערט, האט ער באלד געאײַלט צו קומען און איז גרײַט צום וועג.

ערשט איצט האבען זײַ בעמערקט צדיק'ן וועלכער איז געשטאנען בײַ דער טיער מיט א אײַנגעלאָזענעם קאָפּ, געקלײַדעט אזוי ווי אײַנער וואס געהט אין ווײַטען וועג, מיט א לאנגען בײַטש אין דער האנד.

ווען דער רב איז צו איהם צוגעגאנגען האט צדיק אנגעהויבען שטאָמלען: איך בין א עזעל, א חזיר, מײַן ווײַב זאגט אויך אזוי, אָבער איך בין געקומען, לאָמיר פאהרען, רבי עס איז שוין שפּעט.

איך בין אויף דיר נישט בײַז, צדיק — האט דער רב געענטפערט — זײַ מיר מוחל איך האב דיך בעלײדיגט, דו ביזט מיר א ברודער אויב דו ביזט געקומען מיך ראטעווען פון מײַן אומגליק, אָבער וואוהין מײַנסטו זאלען מיר פאהרען?

דו ווײסט נאכנישט וואוהין?

איך האב זיך נאכנישט בערעכענט וואוהין איך זאל זײַ שיקען, ווײַל דער עיקר איז דאך נאר אז זײַ זאלען אוועק ווײַט פון דאנען. אפשר האסטו צדיק א אָרט וואוהין זײַ זאלען פאהרען?

יא, רבי, דו ווילסט דאך נאר זײַ אוועקשיקען פון די פּוילישע גרענעצען?

יא.

אלזא פערלאז זיך אויף מיר, איך האב א ברודער אין דער שטאָדט ז. ער איז דאָרט ארענדאר, דאָרט אהין וועל איך פיהרען דײַן פרוי מיט דײַן אײַניקעל, און זײַ וועלען קענען דאָרט זײַן ביז דו וועסט צו זײַ אהין פאהרען. אָבער מײַן ברודער מוזט מען פאר דעם בעצאהלען, ווײַל ער איז א גאנץ גוטער מענש, אָבער א זעהר קאַרגער, און אהן געלד וועט ער גארנישט טהוען, דו קענסט זיך אויף מיר פערלאָזען אין אלע הינזיכטען.

איך בין גרײַט אײַך פאר אלעס צו בעצאהלען -- האט דער רב געענטפערט—זײַ פאהרען נישט מיט לעדיגע הענד, אויך דיר וויל איך בעצאהלען פאר דײַן מיה, חוץ דעם וואס דו וועסט האבען די גרעסטע מצוה, און איך וועל דיר שטענדיג דאנקבאר זײַן, וואָרום איך גיב איבער אין דײַן האנד דאס טײַערסטע פון מײַן לעבען דעם לעצטען צווײַג פון מײַן פאמיליע, זאג צדיק ווי פיעל זאל איך דיר געבען פאר דײַן מיה?

צדיק האט זיך אומגעקוקט און זעהענדיג אז זײַן פרוי איז אוועק אין אנדערען צימער צו העלפען דער רביצי'ן זיך צוגרײַטען אין וועג, האט ער געזאגט:

ס'איז וואר רבי די מיה איז גרויס און בעזונדער טהו איך זיך אײַנשטעלען מיט'ן לעבען.

אלזא וויפיעל זאל איך דיר געבען?

גארנישט, גארנישט, רבי, איך וויל קײַן געלד נישט נעמען, מײַן ווײַב האט מיר שטרענג אנגעזאגט קײַן געלד פון דיר נישט צו נעמען, און פאר איהר האב איך זעהר מורא.

אָבער איך וויל פון דיר נישט בחנם, און איך זאג דיר צו אז איך וועל דײַן פרוי וועגען דעם נישט זאגען — האט דער רב איהם געענטפערט.

אויב דו ווילסט מײַן ווײַב נישט אויסזאגען וועל איך פון דיר נעמען, דו ווייסט דאך רבי, כ'האב עלף קינדער, און זײַ פרעסען אויף מײַן גאנץ פערמעגען, ס'איז נישט צום אויסהאלטען.

דער רב האט איהם דערלאנגט א געהעריגע סומע געלד, וועלכע ער האט שנעל בעהאלטען, ווײַל זײַן פרוי מיט דער רביצי'ן זענען ארײַנגעקומען און געזאגט אז אלץ איז גרײַט אין וועג ארײַן.

צדיק מיט זײַן פרוי האבען ארויסגעטראגען די זאכען אויפ'ן וואגען און דער רב מיט די רביצי'ן האבען דערווײַל אויפגעוועקט אסתרל'ן וועלכע איז אויפגעשפּרונגען מיט פרייד הערענדיג אז באלד פאהרען זײַ אַב, און האט זיך שנעל אנגעטהון.

דער רב האט זײַן אײַניקעל גענומען אויפ'ן ארעם און זי הײַס געקושט און קאָס. דאן האט ער ארויפגעלעגט זײַנע הענד אויף איהר קאָפּ און זי געבענשט, זאָגענדיג:

דער פאטער פון יתומים זאל דיך בעשיצען און אָבהיטען פון אלעם שלעכטען, און זאל דיך פיהרען אין ריכטיגען וועג, געהט אין גאט'ס נאָמען, און דו, רחל, שרײַב מיר באלד ווי עס דערגעהט אײַך פון אלע הינזיכטען.

די רביצי'ן האט געוואלט ענטפערן, אָבער די טרעהרען האבען זי געשטיקט, און זי האט קײַן וואָרט נישט געקענט ארויסרעדען.

וואס וויינסטו עפּיס באבעשי? האט אסתרל'ע געפרעגט — מיר פאהרען דאך צו אונזער פאמיליע.

יא, אָבער דער זײַדע בלײַבט דערווײַל איבער אלײַן, און ער וועט איהם אבווארטען.

און וואו בין איך — האט צדיק'ס פרוי געזאגט מיט טרערען — איך שווער אײַך בײַ גאט אז איך וועל זי אבהיטען ווי א טרײַע מוטער. איהר קענט גאנץ רוהיג זײַן.

איך דאנק דיר שוועסטער — האט דער רב געזאגט — איך גלויב קײַן זאך נישט, ווען איך וועל נאר ווייסען אז מײַן קינד איז אויסער געפאהר וועל איך זײַן גליקליך.

אלע זענען טרויעריג און נאס, וואו ס'איז געווען שרעקליך פינסטער, און ווען די רביצי'ן האט ארויסגעזעצט אסתרל'ן אויפ'ן וואגען האט דער רב געלויבט גאט פאר דער פינסטערניש צוליעב וועלכער קײַנער וועט נישט זעהן ווי זײַ פאהרען אב.

נאָכאמאָל האבען זײַ זיך הײַס געזעגענט און ווען די פערד האבען גערוהרט פון אָרט האט דער רב אויפגעהויבען זײַנע הענד צום הימעל און געבעטען גאט ער זאל בעהיטען זײַן אײַניקעל, און האט שרעקליך און ביטער געוויינט.

צדיק'ס פרוי איז צוריק אַוועק אין קרעטשמע, און דער רב איז נאך געבליבען שטעהן עטליכע מינוט אויף דער גאס, און ווען ער האט שוין מעהר נישט געהערט דאס רוישען פון וואגען האט ער געזאגט:

געלויבט ביזטו גאט וואס דו האסט געראטעוועט מײַן טײַערע קינד, גיב מיר נאך כח אויסצוהאלטען און איבערצוטראגען די דאזיגע צושײדונג.

ער האט נעבעך געמײנט, דער אומגליקליכער אלטער, אז זײַן אײַניקעל איז געראטעוועט, אָבער ווען ער וואלט געהערט דעם שמועס וואס עס האבען צווישען זיך געשמועסט צוויי רײַטער וואס זענען א קורצע צײַט שפּעטער דורכגעריטען דעם זעלבען אָרט, וואלט ער נעהמיט מיט אלע כחות נאכגעלאָפען זײַן אײַניקעל און זי צוריק געבראכט אהער.

(פארט. קומט.)

Perborol
JEDYNIE JEST NAJLEPSZYM
PROSZKIEM DO PRANIA

BEZ CHLORKU
RÓWNOCZEŚNIE
PIERZE i BIELI.
J. M. WENDISCH SUKC.
SP. AKC. W TORUNIU

די זיצונג פון שטאָדט-ראַט.

די לעצטע זיצונג פון שטאָדט-ראַט איז פאַרגעקומען אונטער׳ן פאָרזיץ פון פרעזעס בונימסקי.

דאָס איז געווען די ערשטע זיצונג פון שטאָדט-ראַט, וועלכע איז אדורך בײַ זעהר א רוהיגער שטימונג און דער טאָג-אָרדנונג איז אין אַלע פונקטען ערשעפּט געוואָרען.

נאָכ׳ן איבערלײענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פריהעריגער זיצונג ווערט בעטראַכט דער טאָג-אָרדנונג און זײַנע בעזונדערע פונקטען. עס ווערט בעטראַכט דער פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט וועגען

פערברײַטערען די גאַס וואָלי

און צו דעם צוועק דאַרף בקויפיגט ווערען די באַהן-געבײַדע, וועלכע געפינט זיך אין מיטען גאַס פאַרוואָס די באַהן - דירעקציע פאָדערט 6 טויזענד זלאָטעס, נאָך א געוויסער דיסקוסיע ווערט בעשלאָסען צו בעשטעטיגען דעם ראַזיגען פאָרשלאַג, געטענדיג אין אכט אז בײַם פערגרעסערען זיך פון דער בעוועגונג אין שטאָדט, איז דער פאַרקעהר איבער דער ראַזיגער גאַס נויטיג.

דאַן ווערט בעטראַכט דער פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט, וועלכער האָט אין רעזולטאַט פון דער געמײַנזאַמער מיינונג פון יודישע און פוילישע יאַטקע - אײַגענטימער אויסגעאַרבײַט א פּלאַן צו פערלענגערען די האַנדעלס-שעה׳ן אין די יאַטקעס

אין שבת ביז 9 אַזײַגער אָוונט.

דער פאָרשלאַג ווערט נאָך א דיסקוסיע אָנגענומען מיט א מעהרהײַט שטימען.

גלײַכצײַטיג ווערט בעריהרט די פראַגע פון אײַנאָרדנען א שטאָדטישען קיהל צימער אויף אויפצוהאַלטען דאָס פלייש, וואָס עס וועלט געווירקט אויף׳ן פערקלענערען דעם פּרײַז פון פלייש, און דאָס וועלט אײַנגעבראַכט דער היגער בעפעלקערונג ביז 5 טויזענד זלאָטעס מעגליך.

אין ענטפער ערקלעהרט דער פּרעזידענט אז דער פּלאַן וועגען בויען דעם רעפּרעזענטאַטיווען קיהל - צימער איז שוין לאַנג [illegible] אין [illegible] נעוואָרען אויסצופיהרען — אָבער צוליעב מאַנגעל אין פינאַנצען, ווערט דאָס אויפגעהאַלטען אויף א געוויסער צײַט.

נאָך א גרעסערע דיסקוסיע ווערט אויפ׳ן פּראָיעקט פון דעם דאָקטוירים-פערבאַנד אין משענסטאָכאָוו בעשלאָסען צו סובסידירען מיט א סומע פון 1000 זלאָטעס די היגע שטאָדטישע אַנטי-שווינדזוכט׳ס אויסשטעלונג, וועלכע וועט אײַנגעאָרדנט ווערען אין דער נעבענרע פון שטאָדטישען [illegible] אין נײַעם פּאַרק.

דאַן ווערען פאָרגעלײענט דרינגענדע פאָרשלאַגען: 1) וועגען הכשר׳ן די קאָנסיעס פון לאַזניקעס ביז 500 זל. מאָנאַטליך; 2) וועגען ארויסציהען די אַלשטינסקא גאַס ביז דער קראַקאָווער; 3) וועגען עפענען א אומזאָנסטע קיך פאַר קינדער אין זאַוואַדא די אלע פאָרשלאַגען ווערען איבערגעשיקט אין די ענטשפּרעכענדע קאָמיסיעס.

א גרעסערע דיסקוסיע האָט ארויסגערופען דער פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט וועגען בעשטימען 450 דאָלאַר, אויף איבערצואַרבײַטען א שטאָדטישען לאַסט-אויטאָ אויף אַן אויטאָמאָביל פאַר דעם שטאָדטישען פערקעהר פון דער בעפעלקערונג.

די ראַזיגע אויטאָ זאָל געלאָזט ווערען אלס פּרובע אין פערקעהר איבער דער שטאָדט אלס קאָמוניקאַציע-מיטעל מיט די נאָהנטע געגענדען.

אין רעזולטאַט ווערט בעשלאָסען אויף דעם צוועק צו אסיגנירען א סומע פון 5000 זלאָטעס.

דאַן ווערט בעשלאָסען צו געבען א מאָנאַטליכען סטיפּענדיום אויף א צײַט פון 10 חדשים צו 100 זלאָטעס פאַר דעם היגען פוילישען פעראיין פון אקאַדעמיקער, אָהן אונטערשייד אין וועלכע אוניווערזיטעטען זיי שטודירען.

וועגען פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט צו געבען א סובסידיע פון 100 זל. פאַר דער [illegible] זאָגען זיך אויס די ראַטסמענער ד"ר באַטאַחיא, ד"ר בראַם [illegible] אין קאָרדיני געגע.

אין רעזולטאַט ווערט בעשלאָסען אויף דעם צוועק א סומע פון 200 זלאָטעס.

דאַן ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאַג פון די פּ"ס אז דער מאַגיסטראַט זאָל פערעפענטליכען אין די היגע און פרעמדע צײַטונגען א קאָנקורס אויפ׳ן

פערבויען דעם גאַנצען פּלאַץ נעבען מאַגיסטראַט

(און פון די גאַסען יאַסנאַ און לובליניעצקאַ, אין הסכם מיט די נייעסטע בעדערפנישען פון דער שטאָדט.

דאַן ערקלערט דער פּרעזיץ, אז עס דאַרפען פאָרקומען

וואַהלען אין א גאַנצע רייהע קאָמיסיעס

צוליב וואָס ער ערקלערט א הפסקה פון 15 מינוט אויף בעראַטונגען פון די פראַקציעס.

נאָך דער הפסקה ווענען פאָרגעקומען וואַהלען: אלס פערטרעטער אינ׳ם ראַט פון דער פּאָוויאַטסטוואָ איז מיט א מעהרהײַט שטימען געוועהלט געוואָרען ר. יאַנישעווסקי, אלס קאַנדידאַט — פערטרעטער אינ׳ם שול-ראַט איז געוועהלט געוואָרען ד"ר נאַיזאַק. דאַן איז אריינגעוואָרען א געמיינזאַמע ליסטע פון 3 מיטגלידער און 3 פערטרעטער אין

קאָמיטעט פון מיליטערישע צוגרייטונג

אין וועלכען ס׳זענען געוועהלט געוואָרען: ד"ר נעסלער, ברוזאנסקאַ און ד"ר שווערזאָטסקי, אלס פערטרעטער: ד"ר בראַם, פּאַנזורקאַ און ברעקסטאַר.

דאַן ווענען געוועהלט געוואָרען אין

דער קולטור - אַרטיסטישער קאָמיסיע:

פּרעזעס בונימסקי, ד"ר נאַיזאַק, ד"ר באַטאַחיא, פּלאַצקער און יאַשירסקי.

דאַן ווערט בעטראַכט דער פאָרשלאַג פון דער קלאַ פון די יודישע ראַטסמענער וועגען

בויען א געבײַדע אויף א שולע פאַר יודישע קינדער.

די ראַזיגע פראַגע האָט רעפערירט ד"ר באַטאַחיא, וועלכער האָט אָנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט פון דער ראַזיגער געבײַדע.

אויפ׳ן פאָרשלאַג פון ר. יאַנישעווסקי ווערט בעשלאָסען דעם פאָרשלאַג איבערצושיקען אין די ווירטשאַפטליכע, פינאַנס און שול-קאָמיסיעס.

אין דער קאָמיסיע ווערט אויך אָבגעשיקט דער פאָרשלאַג פון ר. פעדערמאַן וועגען בויען א היים פאַר שווינדזוכט קראַנקע אין אָלשטין.

דאַן ענטפערט דער פּרעזידענט ד"ר פאַרטשעווסקי אויף א רייהע אין ווײַטער צײַט אַרײַנגעקומענע אינטערפּעלאַציעס.

1) וועגען די אַרעסטירטע ראַטסמענער פּאָטרקאָווסקי, פלאַמענבוים און גאָטרען—ענטפערט דער פּרעזידענט— אז עס איז בעוואוסט דאָס זיי זענען אַרעסטירט, אָבער צוליעב וואָסערע סבות איז דעם מאַגיסטראַט נישט בעקאַנט.

2) וועגען דעם פאַרוואָס עס ווערט נישט געבויט די שולע אויף זאַוואַדע —ענטפערט ער—איז צוליב מאַנגעל אין פינאַנסען איז די אַרבײַט געהאַלטען צוריקגעהאַלטען.

דאַן ענטפערט דער פּרעזידענט אויף די אינטערפּעלאַציעס וועגען די קלענערע ארויסגעגעבענע פאַרציעס לעבענסמיטעל פאַר די אַרבײַטסלאָזע, וועגען דער ענטשעדיגונג בײַם שטעלען טעלעפאָן - סלופּעס אויף די רעכטע, וואָס מיכען פון שאַרענ׳ס ווערט פאַרנעלײַגט אַנ׳ענטפער פון דער קראַקאָווער דירעקציע.

צום סוף פרעגט דער פּרעזידענט די מיינונג פון שטאָדט-ראַט וועגען ערלויבען אין משענסטאָכאָוו אײַנצואָרדנען א **אַגראַר - אונדוסטריע-אויסשטעלונג** וואָס דער שטאָדט-ראַט אקצעפּטירט גינסטיג.

דערמיט ווערט די זיצונג נאָכ׳ן ערשעפּען דעם טאָג-אָרדנונג געשלאָסען האַלב 12 בײַנאַכט.

וועגען אַבראַמאָוויץ-שטײַער.

דער היגער פינאַנץ-אַמט האָט אונז צוגעשיקט פאָלגענדען קאָמוניקאַט.

לויט׳ן רעסקריפּט פון פינאַנץ-מיניסטער דערמאָהנט דער היגער אורזשאָנד סקאַרבאָווי פאָלגענדעס:

1) דעם 15 מאי האָט זיך געענדיגט דער טערמין פון אײַנצאָהלען דעם אַבראַמאָוויץ שטײַער פאַר די אײַנוואָהנער פון משענסטאָכאָווער קרײַז, אויף וואָס זיי האָבען בעקומען ענטשפּרעכענדע נאָטיצען.

2) דעם 30 מאי ענדיגט זיך דער טערמין פון אײַנצאָהלען דעם ראַזיגען שטײַער פאַר די צאָהלער פון דער שטאָדט משענסטאָכאָוו.

די ראַזיגע טערמינען וועלען טראָץ די מעלדונגען אין פערשידענע צײַטונגען נישט איבערגערוקט ווערען.

ראַנגענע כדי צו פערלײַכטערן די צאָהלער איז פערלענגערט געוואָרען ביז׳ן 15 יוני דער טערמין פון צאָהלען דעם אומזאַץ - שטײַער פאַר׳ן 1 קוואַרטאַל פון יאָהר 1926.

וועלכע האָבען געדאַרפט אײַנגעצאָהלט צו ווערען ביז׳ן 15 מאי.

דער אורזשאָנד סקאַרבאָווי איז שוין צוגעטרעטען צום צוואַנגס - אײַנמאָהנען דעם אומזאַץ-שטײַער פאַר די צאָהלער פון היגען קרײַז.

פון די ראַזיגע פערלענגערטע שטײַערן וועלען נאָר גענומען ווערען עקזעקוציאָנס-קאָסטען אַחת פּראָצענט ביז׳ן 29 ר. ח. די וואָס וועלען די סומעס ביז׳ן דאָזיגען טערמין אײַנצאָהלען וועלען קיין שטראָף נישט דאַרפען צוצאָהלען.

דעם 31 מאי ווערט דער פינאַנץ-אַמט צוטרעטען צום צוואַנגס אײַנמאָהנען דעם אומזאַץ-שטײַער פון די היגע צאָהלער.

כדי צו בעזײַטיגען עקזעקוציאָנס-קאָסטען און שטראָף דאַרפען דעריבער די צאָהלער אײַנצאָהלען די שטײַערן אין דעם פעסטגעשטעלטען טערמין; אין געגענפאַל ווערט דאָס אײַנמאָהנען ווערען דורך די סעקוועסטראַטאָרען ביז׳ן 14 יוני צוואַנגען מיט קאָסטען.

וועגען בענוצען געהעריגע וואָגן און מאָסען.

די היגע סטאַראָסטווא האָט פערעפענטליכט פאָלגענדע מעלדונג:

דער היגער אמט פאַר וואָגען און מאָסען האָט מיר בעקאַנט געמאַכט אז ביז איצט קומט דער האַנדעל פון פּוטער און פערשידענע אַנדערע גרינצײַגען פאַר לויט די אַלטע פערבאָטענע מאָסען פון קוואַרטען, פונטען און קערענשטאָק אויף ליטערס, קילאָגראַמען, און קרוגמאַל׳ען (10 קילאָ), דאָס קומט

די וויכטיגע אויפגאַבען פון די יודישע געזעלשאַפטליכע מיטעל - שולען און דער חוב זיי אונטערצושטיצען.

(צו דער גרויסער פערזאַמלונג פון די היגע יודישע גימנאַזיעס).

זונטאָג נאָכמיטאָג האָט די פערזאַמלונג פון די היגע יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס אײַנגעאָרדנעט אין זאַל פון די פייערלעשער א גרויסע פערזאַמלונג געווידמעט די וויכטיגע אויפגאַבען פון די געזעלשאַפטליכע יודישע מיטעל - שולען און דעם חוב וואָס ליגט אויף דער יודישער בעפעלקערונג זיי צו שטיצען. צו דער פערזאַמלונג זענען געקומען פון לאָדז: סענאַטאָר דר. ברווירא, דר. ריגער און דר. מארטאַקאָווער.

מיט א קירצער רעדע אין דער העברעאישער שפּראַך עפענט די פערזאַמלונג בײַ א פול-געפּאַקטען זאַל, דער פּרעזעס פון דער שול-פערוואַלטונג ה׳ גאָלדשטײַן און גיט דאָס ערשטע וואָרט דעם געעהרטען גאַסט סענאַטאָר דר. ברווירא.

דער רעדנער האַלט א לענגערע רעדע אין דער פוילישער שפּראַך, און הײַזט אָן אויף דער ענטשטעהונג פון די ערשטע יודישע מיטעל-שולען, וועלכע האָבען אָנגעטראָפען אויף א גאַנצע רייהע שוועריגקייטען, וואָס זענען נאָך גרויסער מיה און אַנשטרענגונג מעגליך בעזײַטיגט געוואָרען. אָבער פון צײַטען די דאָזיגע מיטעל-שולען האָבען זיך ענטוויקעלט און אויסגעשטעלט גלענצענדע צײַגניסען פאַר די געזעלשאַפטליכע מיטעל-שולען, וועלכע האָבען די ערציהונג און אויסבילדונג פון א בעווּנדער יודיש נאַציאָנאַלער יוגענד געהאַלטען פאַר זייער אידעאַל, און נישט ווי די פּריוואַטע קרעמערישע שולען, וועלכע האָבען פון דער ערציהונג נעמאַכט מאַכען געשעפט.

די איניציאַטיווע פון גרינדען יודישע מיטעל-שולען האָט געמוזט קומען פון דער יודישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט דאַרין געזעהן די נויטווענדיגקייט, אזוי ווי זי האָט געפיהלט די נויטווענדיגקייט צו פיהרען דעם קאַמף פאַר אַלע יודישע נאַציאָנאַלע רעכט, אזוי האָט מען אין משך פון א לענגערע צײַט געפיהרט און מען פיהרט ווײַטער דעם קאַמף פאַר דער יודישער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפטליכער מיטעל-שול.

די כּביכה פון די פוילישע מיטעל-שולען איז געוואָרען ענג פאַר דער יודישער יוגענד, וועלכע איז פון דאָרט ארויסגעשטופּט געוואָרען, אין אויב א מאָל איז דאָרט ערצויגען געוואָרען, זענען זיי אויסגעוואַקסען אלס אינערליך צוריסענע און צובראָכענע. זיי האָבען געלעבט אין א וועלט פון שטענדיגען איבערליכען אונגעמאָלען קאַמף, וועלכער איז פאַרגעקומען צווישען זייער יודישע היים און דער אַבסאָלוט נישט-יודישער און פרעמדער בילדונג, וואָס זיי האָבען אין די שולען בעקומען.

ענדערען דעם דאָזיגען צושטאַנד, ערציהען א געזונדען יודישען דור, וועלכער זאָל זײַן צוגעבונדען צו דער יודישער פערגאַנגענהײַט און קעמפען פאַר דער יודישער צוקונפט — די אויפגאַבען האָבען זיך געשטעלט די יודישע געזעלשאַפטליכע מיטעל-שולען, וואָס זענען אין פוילען פערשפּרייטעט אין אײַן צענטראַלע, וועלכע פיהרט א סיסטעמאַטיזירענדע און קאָנטראָלירענדע אַרבײַט אויף דעם געביט.

און אויב דאָס יודישע פאָלק איז נאָך בײַם הײַנטיגען טאָג דאָס מינעל פון די גרעסטע קולטור-פערזעהנליכקייטען אין א גאַנצע רייהע לענדער אין אייראָפּא, איז עס א דאַנק דעם גרויסען גײַסט, וועלכער וועבט זיך אין יודישען היסטאָרישען לעבען נאָך פון דער ווײַטער פערגאַנגענהײַט — און אַז דעם דאָזיגען גײַסט צו שטאַרקען אין פאָלקען, ערציהען גוטע, געזונדע, שטאָלצע און חירותדיגע יודען, דאָס איז אונזער אויפגאַבע.

איבערגעהענדיג צו דעם פּאָליטישען נאַציאָנאַלען קאַמף, וועלכער ווערט געפיהרט פאַר די יודישע שולען אין פוילען, און זון פון פערחירקליכען דעם ווערטפולער טראַקטאַט רופט אויס דער רעדנער: אלס וועגען די מיינונגען פון די פאָלקען וועלכע האַלטען דעם ראַזיגען טראַקטאַט אלס אַנגעחאַרפענעם, מיר יודען האַלטען אז דאָס דאַרף זײַן פאַר פוילען א שטאָלץ — און די אויפריכטיגע טהײַלען פון דער פוילישער געזעלשאַפט האָבען אלײַן נעדראַפט זאָרגען און זיי ערען די עקזיסטענץ פון די יודישע מיטעל-שולען, ווײַל מיר זענען בעסערע פאָלקען, ווי די וועלכע קעמפען

נעגען אונז.

צום סוף ווענדעט זיך דער רעדנער מיט א אַפּעל צו די פערזאַמעלטע צו זאָרגען און פעראינטערעסירען זיך מיט די היגע יודישע גימנאַזיעס, וועלכע דאַרפען זײַן א שטאָלץ פאַר דעם יודישען משענסטאָכאָוו, און דאַנק אַמשטוימען פּריוואַטע קאָנקורירענדע פּערזאָנען, וועלכע וויילען אונטערגראָבען די עקזיסטענץ פון דער יודישער געזעלשאַפטליכער מיטעל-שול, וועלכע האָט מוז אונז ארויסגעבען גיטע און געטרײַע זוהן און קינדער פון יודישען פאָלק.

דאַן בעקומט דאָס וואָרט ד"ר רינגער, וועלכער האַלט א שעהנע און בעגײַסטערענדע רעדע וועגען די יודישע ערציהונג און וועגען די אויפגאַבען פון דער יודישער מיטעל-שול.

דער רעדנער זאָגט צווישען אַנדערען: מיר האָבען אַמאָל א חדר געהאַט און פון אידים וועגען אויפגעוואַקסען גרויסע מענשען, די פּיהרער פון פאָלק—ווײַל אין חדר האָט געהערשט דער יודישער גײַסט, אַלץ איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם יודישען לעבען, און אַלץ איז געווען פערבונדען מיט דער יודישער טראַדיציע — אפשר דער חדר האָט געהאַט געוויסע פעהלערען אויך, אָבער זײַנע מעלות, זײַנע פּיהרנגען וועגען געווען גרויסע. די צײַט האָט זיך אָבער געענדערט, דאָס לעבען האָט אַרויסגערופען נײַע נויטווענדיגקייטען און עס איז נאָך מען די יודישע געזעלשאַפטליכע מיטעל - שול, וועלכע דאַרף אויסבילדען אונזער יוגענד אין נאַציאָנאַלען גײַסט, אין דער צוקונפט-

נער ענטוויקלונג פון דער מענשהײַט פאַר אונזער פאָלק.

דאָס דאַרף קיין פּריוואַט - שול ניט נישט און קען נישט שאַפען, די ענטוויקלונג פון דעם יודישען גײַסט, וועלכע דרינגט ארויס פון דעם גאַנצען גאַנצען פלל פון יודישער נאַציאָנאַלער שאַפונג. דאָס וועט מהוין און מהוט די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטליכע שול, וועלכע איז דאָס אײַגענטום און פערמעגען פון דער געזעלשאַפט פון גאַנצען פאָלק — און דעריבער דאַרף דאָס פערשטעהען די היגע יודישע געזעלשאַפט און וועלפען ווײַטער בויען די יודישע געזעלשאַפטליכע שולע, די יודישע גימנאַזיעס אין משענסטאָכאָוו.

א דונער אַפּלאָדיסמענטען האָט בעגלײַט די לעצטע ווערטער פון רעדנער.

ד"ר ליפּינסקי לעזט דאַן פאָר א רעזאָלוציע אין וועלכע עס ווערט געזאָגט: די הײַנטיגע פערזאַמלונג ענערקענט אַז דער אײַנציגער ערציהערישער אַנשטאַלט, וואָס ערציהט דעם יודישען דור אין יודישען גײַסט און בילדעט אויס די יודישע יוגענד אלס די טרעגער פון דער יודישער נאַציאָנאַלער זאַך — איז די יודישע געזעלשאַפטליכע מיטעל - שול — און דעריבער שטעלט די פערזאַמלונג פעסט אז די אײַנציגע שולע וועלכע דאַרף ברײַט אונטערשטיצט ווערען וועגען די היגע יודיש-געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס.

די רעזאָלוציע ווערט אײַנשטימיג אָנגענומען.

דער פאָרזיצענדער ה׳ גאָלדשטײַן דאַנקט די פּרעלעגענטען און שליסט די פערזאַמלונג אום 7 אזײַגער אָוונט.

ראטמענער פון שטאָרט-ראט, און פאַר-שטעהער פון עקאָנאָמישע און פילאַנ-טראָפּישע אינסטיטוציעס.

פון די גרופּענע לערך 60 פּערזאָן זענען געקומען עטליכע צײַטונג. די געזעלשאַפטען האָבען זייערע בעפאָל-מעכטיגטע געשיקט. בלויז פון די דאָ-וואָרעם האָבען געפעהלט א געחוסע צאָהל און פון ראטמענער פון שטאָרט-ראט וואס זענען נישט קיין דאָזערעם איז קיין אײנער נישט געקומען.

די דאָזיגע האנדלונג פון די ראטמע-נער האט ארויסגערופען גרויסע ער-בוטעריונג צווישען אַלע אנוועזענדע ווײַל דאס איז נישט דאס ערשטע מאָהל, נאר זיי זענען שוין איינינע מאָל נערופען געוואָרען צו דעם צוועק און זע-נען קיינמאָל נישט געקומען.

דאָך איז בעשלאָסען געוואָרען אז די אַלע וואס זענען צו דער זיצונג נערופען געוואָרען מ׳זען וועהרען צום קאָמיטעט און אנטהײל נעמען אין דער ארבײַט. אין די נעכסטע טעג וועט צונויפגערופען דער נײַער קאָמיטעט אויסצוועהלען א עקזעקוטיוו און צו-טרעטען ענערגיש צו דער ארבײַט.

וואס לאָקאַטאָרען דאַרפען געדענקען.

צוליעב דעם וואס מאנכע לאָקאַטאָ-רען ביים צאהלען דירה-געלר זענען שוין דערגאנגען ביז דער הויך פון 50 פּראָצענט, וועט עס הערט אויף צו פערפליכטען דאס צאהלען פאר די צוגאבען צום דירה-געלר (שמיאַרדטשע-ניעס) ווי פאר דעם סטרוזש, קוימען-רייניגונג, בעלייכטונג און הויז א. א. וו. דאגעגען וועלען די דאָזיגע צוגאבען נאָך צאהלען די, וואס די הויך פון דירה געלר איז נאָך נישט דערגאנגען ביז 50 פּראָצענט פון דער הויך פון פאר׳ן קריג. — דארף דאבע אויפמער-קזאם געמאכט ווערען די לאָקאטארען אז די גרוים פון די צוגאבען זאָל צו-טײלט ווערען נישט בלויז אויף די וואס צאהלען דערפאר פּעציעל, נור אויך פאר די וועלכע דארפען לויט׳ן דעקרעט פאר די צוגאבען נישט צו-צאהלען.

ווארום די צוגאבען צום דירה-געלר קאָנען נישט פאלען צו לאסט אויס-שליסליך אויף דעם טײל לאָקאטארען, וועלכע עס פערפליכטעט נאך דאס צאהלען פאר שמיאַרדטשעניעס.

רייזע-פּלאַן

פון די פּאסאַזשיר - צוגען וואס קומען אָן און געהן אָב פון סט. טשענסטאָכאָוו פון 15 מאַי 1926.

קומען אָן:

פון ווארשא: 7,25; 12,44; 16,25; 18,08x; 19,08x; *22,53x; 2,59x; 3,52; 5,08.
פון לאָדז: 20,40; 1,13.
פון קראקא: *3,41x; 13,29; 17,11x; 23,34; 2,04; 3,11x.
פון קאטאָוויץ: 7,30; 10,59; 11,35x; 14,20; 16,47; 20,05; 1,00.
פון הערבי: 7,40; 10,40; 14,55; 17,53; 21,36.
פון קעלץ: 7,48; 10,50o; 18,50

געהען אָב:

קיין ווארשא: *3,47x; 11,07; 11,42x; 13,39; 17,17x; 18,00; 23,42; 1,08; 3,18x.
קיין לאָדז: 5,45; 2,11.
קיין קראקא: 12,53; 19,14x; *22,59x; 1,21; 3,06x; 4,02.
קיין קאטאָוויץ: 8,05; 11,15; 15,00; 16,35; 18.14x; 21.00; 5.16.
קיין הערבי: 6,00; 11.25; 14,35; 16.55; 21.15.
קיין קיעלץ: 4,05; 8,30o; 15,15.

בעמערקונג: x בעצייכענט שנעל-צוג.
o בעצייכענט צוגען, וועלכע קורסירען פון 1/VI ביז׳ן 15/IX.
* " " " " " 15/VI " 15/IX.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון „לינת הצדק״.

זונטאג נאָכמיטאג קומט פאָר די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער הינער „לינת הצדק״.

פון דעם בעריכט וואס איז אָבגע-דריקט אין דעם נומער פון אונזער צײַ-טונג איז צו זעהען, אז טראָץ דעם הערשענדען קריזיס און דעם גרויסען געלד-מאנגעל שטעהט די דאָזיגע גע-זעלשאפט אויף דער הויך צו ערפילען איהרע אויפגאבען, און זעהר פיעל קראנקע און לײדענדע האָבען בעקומען דורך איהר הילף און אונטערשטיצונג.

עס איז דאריבער די פליכט פון דער הינער יודישער בעפעלקערונג די דאָזיגע וויכטיגע אינסטיטוציע ווײַטער צו אונטערשטיצען און איהר מיטהעל-פען צו פערברייטערן איהר טעטיגקייט אויף דעם געביט פון העלפען אונזערע אָרימע קראנקע ברידער.

פון „באַנק ספּולדזיעלטשי״.

ווי בעוואוסט האָט אין ווארשא גע-זאלט פאָרקומען דעם 25 ד. ח. א צוזאמענפאָהר פון אַלע יודישע קרע-דיט - קאָאָפּעראטיווען אין פּוילען, אויף וועלכען עס זענען פון דער הינער „באנק ספּולדזיעלטשי״ אויסגעוועהלט געוואָרען די ה״ה ניסמאַן נחמן פון דער פערוואלטונג און חיים ויינשטאָק פון ראט. דער דאָזיגער צוזאמענפאָהר איז אָבער צוליעב די לעצטע געשע-הענישען אין ווארשא אָבגעלעגט גע-וואָרען און וועט פאָרקומען אין א קור-צע צײַט.

די פערוואלטונג פון באנק ספּול-דזיעלטשי גרייט צו אין קורצען צו רופען די יעהרליכע אלגעמיינע פער-זאמלונג פון איהרע מיטגלידער.

די בוי-בעוועגונג אין טשענ-סטאָכאָוו.

אין משך פון היינטיגען יאהר זענען אין שטאָדטישען בוי-אמט איינגעלאָ-פען און בעשטעטיגט געוואָרען 82 פערשידענע פּלענער פון פּריוואטע בוי-אונטערנעהמונגען. דאפון זענען 62 צוגעטרעטען צו די בוי-ארבייט. און א סך ווארטען אויף קרעדיטען פון דער באנק פאר לאנדעס - ווירטשאפט אין פּוילען.

יעדענפאלס, ווערט צוגעגעבען, שטעהט די צופער איבער די פאריאָה-ריגע בוי-בעוועגונג.

א מעלדונג פון קרייז שול-ראט.

דער הינער קרייז שול ראט האט פערעפענטליכט א מעלדונג אין וועל-כער עס ווערט געזאגט, דאס כדי צו-צוגרייטען דאס מאטעריאל צו רעאלי-זירען די אלגעמיינע צייכענ׳ס בילדונג, אויף׳ן סמך פון דער פעראָרדנונג פון בילדונגס-מיניסטעריום, וועט אנהויבענ-דיג פון 31-טען מאַי ביז׳ן 2-טען יו-ני, פאָרקומען אין טשענסטאָכאָוו א רעגיסטראציע פון אַלע קינדער, וואס זענען געבוירען אין די יאהרען פון 1913 ביז 1925.

דאבײַ ווערט די בעפעלקערונג גע-בעטען צו געבען די ענטשפרעכענדע קאָמיסארען, וואס וועלען פיהרען די דאָזיגע רעגיסטראציע, גענויע און פּינ-קטליכע ידיעות וועגען די קינדער וואס ווערען רעגיסטרירט.

ער אין טשענסטאָכאָוו אויף עפענט-ליכע ערטער, אזוי ווי אין פריוואטען שעפטען-פערקויף.

צוליעב דעם בעפעהל איך צו פער-ארדנען לויט דעם דעקרעט וועגען ח..גען און מאָסען דאס אַלע פּאָליצײַ-קאָמיסאריאטען זאָלען אויך די פּאָליצײַ-שטערונקעס, אז זיי זאָלען געגויי ..כ וונג געבען אויף די וואס האנדלען, קויפען און פערקויפען אלקאָהאָל אר-טיקלען פון מענשליכען געברויך, אז דאס זאָל פאָרקומען לויט די ריכטיגע וואנגען און מאָסען ד. ה. אויף מעטער-מאָס און אויף קילאָ-וואג, און ביי פליי-סיגע פּראָדוקטען לויט ליטערס.

די וואס וועלען די דאָזיגע פּעראָרד-נונג נישט אויספיהרען וועלען צוגעצוי-גען ווערען צו דער געריכטליכער פער-אנטווארטליכקייט

נאָך וועגען רעטונגס-קאָמיטעט.

מיטוואָך אָווענד איז אין לאָקאל פון ... יודישער גמינע גערופען געוואָרען א גרויסע זיצונג וועגען שאפען דעם ...ווי לאנג געפלאַנטען רעטונגס-קאָמי-טעט.

גערופען זענען געוואָרען אַלע מיט-גלידער פון קהלה-ראט און פון דער פערוואלטונג. די יודישע בירגערליכע

נישט צורייסבאר זענען בערסאָנ׳ס

אַבצאַסען און זוילען.

ווער עלאסטישקייט לאָזט זיך נישט פערגלײַכען מיט דער עלאסטישקייט פון וועלכע ס׳איז אנדערע גומי-פּראָדוקטען, ווער דויערהאפטיגקייט שטעהט איבער דרײַפאך לעדער.

מען זאָל צו בערסאָן וועלען בענוצט רויח-שטאָפען פון די בעסטע ווערטען, וועלכע זענען זיי פיעל בילינגער ווי לעדער.

אין אייגענעם אינטערעס ווערט געבעטען צו פערלאנגען נאר די עכטע בערסאָנ׳ס.

אַבצאַסען און זוילען „בערסאָן״ זענען די בעסטע.

פלעגנט אײַטער שטענקײַט

פערערט אומזיסט א פאכמענישע עצה ווי אזוי פטור צו ווערען פון זומער-שפּרענקעלעך, שפּריצען, וואנגרעס, רויטע צערע, לעבער-פלעקען, שיפען, אויספאלען פון די האָר, גראָהע האָר, בעהאַקסענקייט, שווייצען פון די הענד, קייטשען פון די פאָכווע, מאגער-קייט, ווי אזוי צו פערשטערקען דעם ביוסט און ווי אזוי צו בעזייטיגען אנדערע פעהלערן. אין די אנפראגען בעטען מיר אנגעבען די פעהלערן, אייזוועלכע ס׳געהט. א געוויסענהאפ-טע תשובה ווערט צוגעשיקט אין א פערמאכטען קאָנווערט. ביילעגען שטעמפעל אויף תשובה.

Dr. Caspary, Gdańsk, Leegethor 15, Oddział 37.

איינ׳ם רענטגען-אינסטיטוט פון

ד״ר ארנאָלד בראַם

אין טשענסטאָכאָוו קאָשטשושקי 1

ווערען אויסגעפיהרט אויסער דיאגנאָסטישע דורכליכטונג און היילבעהאנדלונג מיט רענטגען-שטראהלען נאָך פאלגענדע חייל-מעטאָדען: בעלייכטונג מיט קווארץ-לאָמפען, היילונג דורך דיאַטערמי און פערשי-דענע עלעקטריזאציעס, צום פּרייז פון 2,50 ביז 5 זל.

וואָרנונג!

אלע סוחרים פון דער רויה-פעל-בראנזשע ווי אויך גאַרבער א.ז.וו. ווערען געוואָרענט פאַרזיכטיג צו זײַן אין האַנדעל מיט דער נײַ-אויפגעקומענער רויה-פעל „פירמא״ אין טשענסטאָכאָוו פון די שותפים: מרדכי יעקב באַרזשיקאָווסקי, שלמה גליקסאַן און יחזקאל ווייערניק. ספּאַדעק נומער 15, ווײַל זייער פערקויף איז קיין פערקויף נישט, אין וועלכען מיר זענען געוואָרען זעלבסט איבערצייגט.

מ. קאָרענבערג אלעע 6. מ. אײַדעלמאַן פּילסודסקי 5.

א דאַנק דעם ענטהאַלטען אין זיך די אויסנעצייכענטסטע וייף, וועלכע בעזייטיגט נענצליך דעם שמוץ. גלייכצייטיג דורך דער ווירקונג פון זויער-שטאָף וואס שאַפט זיך בעת׳ן קאָכען ווערט די וועש שניי-ווייס, און ווערט נישט קאַליע. דער „ראַדיאָן״ איז אונטער גאַראַנטיע פרײַ פון כלאָרעק און אַנדערע שעדליכע צומישונגען.

1.	2.
„SATURNIA“ Sp. Akc. Wydział „RADION“ **Warszawa** Skrzynka pocztowa 149.	Proszę o nadesłanie bezpłatnej próbki „Radion“. Nazwisko: ______ Miejscowość: ______ Bliższy adres: ______ „Częstochower Cajtung“, Częstochowa.

דעם קופּאָן נומער 2 דארף מען אויספילען און אנקלעבען אויף דער טעקסט-זייט פון א פּאָסטקארטעל.
דעם קופּאָן נומער 1 דארף מען אויפקלעבען אויף דער אדרעס-זייט פון פּאָסטקארטעל.

נדבות אין רעדאַקציע.

פאר „בית לחם״: חיים וועקסלער 10 זל., י. נײַמעלד 10 זל., מו״ם הרב ר׳ שלום נ״י מחעלברוש 9,50 זל., יצחק בענעט 5 זל., אהרן עסיג 4 זל., ח. גאָלדבערג 3 זל., ס. עפּעלבוים 3 זל., י. ב. רעטבארד 2 זל., מאכיל שווארצבוים 1 זל, הירשל יופּנער 1 זל.
פאר׳ן שפּיטאָל: בלעשנער פּנין 10 זל.
פאר מושב זקנים: אהרן נאמען 3 זל.

KUNEROL

כשר

100% רײַנער פעטס פון קאָקאָס-ניס
דאס בעסטע צום
קאָכען
באַקען
און פּרעגלען

ביליג און זעהר שפּאָרזאַם.

טעאַטער נאָוואָשצי אַלעע 12. עסראָז און סצענע צוזאמען.

פון דאָנערשטאג דעם 27 מאַי און ווײַטער. אויפ׳ן עקראַן מעכטיגע דראַמא אין 8 אקטען

OSTATNI ROK ŻYCIA

אויף דער סצענע: די שטערן פון דער עסטראדע אויפ׳ן אלגע-מיינעם פערלאנג פון פּובליקום **אידאַ ערוועסט** (זינגערין). דועט מעלערוויר נײַע סענסאציאָנעל - אַקראָבאַטישע טענץ. ק. נאַלענטשובנא פיהרט אויס נײַע טענץ. י. שטשיוויאַרסקי מיט א אײַנהאַלטסרײַכען פּראָגראַם.

קינאָ „נאָווי״ 2 אלעע 43. סצענע און עקראַן צוזאמען.

פּראָגראַם פון פרײַטאג דעם 28 מאַי.

NA PROGU ŚMIERCI

אויפ׳ן עקראַן: ריהרענדע דראַמא אין 10 גרויסע אקטען.

אויף דער סצענע געזאנגס-פּראָגראַם: מריאַ ראָסיני בעריהמטע טענצער פון ווינער בורנטעאַטער. ע. יאַשקאָווסקי הומאָריסט. פ. פעליני פּרוי-הומאָריסט.

Ceny ogłoszeń: Za wiersz milimetrowy przed tekstem 24 gr, za tekstem 18 gr., w tekście 60 gr. — Szerokość kolumny obejmuje 8 szpalt ogłoszeniowych.

Redaktor Izrael PŁOCKIER Wydawca B. BOCIAN Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja № 6.